# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת לך
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## דער ציל פון ענגשאפט

**אין** פרשת לך־לך לערנען מיר פון דער מעשה וואס האט געזאלט זיין דער הויכפונקט פון אברהם אבינו'ס לעבן - ער האט זיך צוריקגעקערט אלס א גרויסער און סוקסעספולער גענעראל פון שלאכטן וואו ער האט מצליח געווען צו ראטעווען זיין פלימעניק לוט. ער האט פארטריבן דעם שונא פון דרום ביז צו צפון אין סיריע און דארט האט ער מיט אויסגערעכנטע טאקטיקן אטאקירט און בייגעקומען די מעכטיגע קעניגן. יעצט האט ער זיך אומגעקערט אלס א העלד צו א פאראדע וואו מען האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און גדולה. מען האט אים באערט אלס א באזיגער, וואס האט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה מיט געפאנגענע. אויך די כנענ'ישע קעניגן זענען ארויסגעקומען אים צו באגריסן, "ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין" - און מלכי צדק דער קעניג פון שלם האט ארויסגעטראגן ברויט און וויין (בראשית, י"ד, י"ח).

אין צוגאב צו דער גרויסער כבוד און גדולה מיט וואס די קעניגן פון כנען האבן אים באגאסן האט הקדוש ברוך הוא זיך אנטפלעקט צו אים אין יענער צייט, "אל תירא אברם אנכי מגן לך שכרך הרבה מאד" - האב נישט מורא אברם, איך בין דיר א שוץ, דיין שכר איז זייער גרויס (שם, ט"ו, א'), אויב דער אויבערשטער זאגט דאס, מיינט עס עפעס - אפילו אויב ער וואלט ווען געזאגט, "דו האסט א שכר" וואלט דאס שוין געווען א געוואלדיגע זאך. מיר אלע וואלטן ליב געהאט צו הערן אזא צוזאג פון השי"ת... און דא האט אים השי"ת געזאגט: "דיין שכר איז זייער גרויס!" און נישט סתם גרויס נאר "זייער" גרויס.

וואס האט אברהם אבינו געזאגט ווען ער האט געהערט דעם גאראנטיע פון השי"ת? "השם אלקים מה תתן לי ואנכי הולך ערירי" - באשעפער וואס קענסטו מיר געבן אז איך גיי אוועק קינדעלאז (שם, פסוק ב'), "וואספארא גוטס איז דאס?" פרעגט אברהם, "דאס אלעס איז גארנישט ווערד אויב איך וועל ליידן די פיין פון קינדערלאזיגקייט!" מיר דארפן

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

פארשטיין אז אויב ער האט זיך אזוי אויסגעדריקט מוז זיין אז ער מיט שרה האבן געליטן א טיפע פיין. מיר קענען זיך נישט פארשטעלן וואס זיי זענען אריבערווארטנדיג אויף א ישועה.

ס'איז וויכטיג צו באטאנען אז אברהם און שרה האבן געהאט א גוט לעבן, זיי זענען געווען גליקליכע מענטשן, איינע פון די מערסטע סוקסעספולע פארפעלקער אין יענער צייט. קודם־כל זיי זענען געווען זייער רייך, אברהם איז געווען 'כבד מאד' (בראשית י"ג, ב'); ער האט געהאט אסאך פאשע וואס איז אין יענער צייט פאררעכנט געווארן אלס רייכקייט. ער האט געהאט אן איבערפלוס פון גאלד און זילבער; ס'שטייט קלאר ארויסגעשריבן. דערצו איז אברהם געווען שטארק ארויפגעקוקט אפילו ביי די גוים; ער איז געווען פאפולער צווישן די פעלקער. "דו ביסט א געטליכער פרינץ צווישן אונז", האבן זיי אים געזאגט (בראשית כ"ג, ו').

דער רמב"ם זאגט אין הלכות עבודה זרה (ו', ד') אז צענדליגער טויזנטער מענטשן האבן זיך פארזאמעלט ארום אים. ער האט געהאט א ציבור צוהערער וואס וואלט אפילו היינט צוטאגס געהייסן גרויס. גריכישע פארשער ערקלערן אז אברהם האט געלערנט מאטעמאטיקס און אסטראנאמיע מיט די גלחים פון מצרים. יוסיפון ברענגט פון אלטע מקורות אז אברהם האט פארפאסט ביכער. ס'איז דא א בוך היינט צוטאגס וואס לויט פארשידענע קוועלער האט דאס אברהם אבינו אנגעהויבן צו שרייבן. פון אלע זייטן איז ער געווען א סוקסעספולער מאן, און דאס אלעס האט ער מיטגעטיילט מיט זיין ווייב שרה, זיין שותף אין אלע זיינע גליקן און אין אלע זיינע עבודות השם.

אפגעזען פון זייער גוט לעבן, האבן זיי געלעכצט נאך א קינד. מיר דארפן פארשטיין אז זיי האבן נישט סתם געגלוסט פאר א בעיבי זיך צו טשאטשקען ווי מענטשן שפילן זיך מיט א דאלי. זיי האבן געהאט אסאך מער פון דעם אין זייער קאפ.

דער רמב"ם (מו"נ ח"ג, נ"א) איז מסביר אז די איינציגסטע שטרעבונג פון אונזערע אור־עלטערן איז געווען "להמציא אומה שתדע האלוה ותעבדהו" - אויפצושטעלן א פאלק וואס וועט וויסן פונעם אויבערשטן און וועט אים דינען, זיי האבן געשפירט אז אויב זיי קענען נישט אויפציען אן ארמיי וואס וועט ווייטער ציען די שלשלת פון קיום התורה והמצוות און דינען השי"ת איז א שאד אויף זייער עקזיסטענץ.

אויב זיי וועלן נישט קענען איבערגעבן זייערע געוואלדיגע השקפות צו א זון וואס וועט איין טאג ארויסגעבן א גרויס פאלק פון מענטשן וואס וועלן דינען השי"ת וועלן אלע זייערע אידעאלן אפשטארבן צוזאמען מיט זיי און דאן זענען אלע גליקן גארנישט ווערד, "השם אלקים מה תתן לי", באשעפער וואס גיבסטו מיר דא? ס'איז גארנישט ווערד!

## תרח, לבן און לוט

**חכמינו** ז״ל פרעגן (יבמות ס״ד.): ״מפני מה היו אבותינו עקורים״ - פארוואס זענען אונזערע עלטערן געווען קינדערלאז? נישט נאר אברהם און שרה זענען געווען קינדערלאז, די דאזיגע געשיכטע האט זיך איבערגע׳חזר׳ט נאכאמאל און נאכאמאל. אלע אונזערע אבות האבן געהאט שוועריגקייטן ביים האבן קינדער - יצחק און רבקה, יעקב און רחל האבן פאר לאנגע יארן געווארט און מתפלל געווען אז זיי זאלן געהאלפן ווערן, אינדערצייט וואס אנדערע האבן געבוירן קינדער תיכף נאך זייער חתונה. תרח, לבן, לוט, זענען אלע געווען קרובים צו אברהם אבינו און זענען גלייך געהאלפן געווארן מיט קינדער. הגר האט אויך נישט געדארפט ליידן פון קינדערלאזיגקייט, זי האט גלייך געבוירן קינדער. און דא זעהט מען אברהם אבינו, וואס עס ווערט געברענגט אויף אים ״אברהם אהבי״ (ישעיהו מ״א, ח׳), און זיין ווייב שרה, וואס ס׳איז נישטא קיין גלייכן צו איר פרומקייט האבן געדארפט ווארטן און ווארטן פאר לאנגע יארן.

אונזערע חכמים האבן דורכגעאקערט דאס געשעעניש און זענען געקומען צו דער מסקנא אז דאס איז עקסטער אויסגערעכנט געווארן מיט א פינקטליכע פלאן מיט א ציל. דאס איז נישט געקומען דורך א צופאל אדער עקסידענט. די גרויסע לייט זענען זיכער נישט געווען אויסגעשטעלט צו דורכפעלער. ס׳איז קלאר אז דא איז געווען די האנט פון הקדוש ברוך הוא. פרעגן חז״ל, פארוואס האט השי״ת זיי נישט געוואלט שענקען קינדער אז זיי זאלן זיין גליקליך און צופרידן, דאס קומט זיך זיי?

## דער אויבערשטער האט ליב אייער קול

**די** גמרא ענטפערט: ״מפני שהקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתן של צדיקים״ - ווייל דער אויבערשטער גלוסט צו די תפילות פון צדיקים, מיר טרעפן אן ענליכן לשון מער באריכות אינעם ילקוט שמעוני (ע״ט, ג׳): ״למה נתעקרו האמהות״ - פארוואס זענען די אמהות געווען עקרות, ״שהקדוש ברוך הוא מתאוה לשיחתן״ - ווייל דער אויבערשטער גלוסט צו זייערע רייד, ״שנאמר (שיר השירים ב׳, י״ד) יונתי בחגוי הסלע, השמיעני את קולך, כי קולך ערב״ - מיין טויב אין די שפאלטן פונעם שטיין, לאמיך הערן דיין קול, ווייל דיין קול איז זיס.

די אלע יארן וואס אברהם און שרה האבן אויסגעשריגן צו הקדוש ברוך הוא פאר קינדער האט ער הנאה געהאט פון זייער קול. הקדוש ברוך הוא האט דא געוואלט קלאר מאכן פאר עם ישראל דעם סוד פארוואס עס זענען דא אזויפיל צרות וואס מען מאכט מיט אויף דער וועלט, ווייל ער גארט צו הערן אונזער קול, ער וויל מיר זאלן מתפלל זיין.

די ענטפער בארואיגט אונז נישט ווייל מיר פארשטייען בכלל נישט וואס דאס מיינט אז השי״ת דארף אונזערע תפילות. השי״ת דארף דען די תפילות פון א בשר־ודם?! חס־ושלום, ער האט נישט קיין שום געברויך דערצו. ער האט בכלל נישט קיין געברויכן אדער גלוסטונגען וואס מיר ווייסן, דערפאר פארשטייען מיר אז ווען הקדוש ברוך הוא האט

עפעס א געברויך איז דאס נישט פאר אים נאר פאר מענטשנ׳ס טובה וועגן - ס׳איז נאר דער מענטש וואס ברויך האבן די אלע תפילות.

דער אויבערשטער וויל טון גוטס מיט וועמען ער האט ליב, ער וויל זיי מאכן דאס בעסטע וואס שייך, דערפאר וועט ער זיי דריקן מיט שוועריגקייטן כדי אויסצוקוועטשן תפילות פון זיי... א מענטש קען דערגרייכן אין לעבן ווען ער איז מתפלל צו השי״ת און דאס איז וואס השי״ת גארט אזוי שטארק - די הצלחה פון עם ישראל.

## די גרויסקייט פון תפילה

**איבער** אלע דערגרייכונגען וואס א מענטש מוז צוקומען אין זיין לעבן איז יראת־שמים די וויכטיגסטע זאך. מיר זאגן: ״ראשית חכמה״, וואס איז די וויכטיגסטע פון אלע קלוגשאפטן? ״יראת־השם״. יעדער זאגט די ווערטער אבער מען כאפט נישט וואס מ׳זאגט, פון היינט מאל אן זאלט איר צולייגן קאפ. יראת־שמים מיינט צו זיין באוואוסטזיניג צו דער אנוועזנהייט פון הקדוש ברוך הוא אלס א קל חי וקיים, דער ריכטיגער לעבעדיגער באשעפער. די העכסטע דערגרייכונג אין חכמה וואס א מענטש קען צוקומען איז צו וויסן אז ס׳איז דא א באשעפער און דאס איז דער ציל אין לעבן.

טראץ וואס מיר לעבן מיט דער תורה און אמונה אינעם איינציגן באשעפער, אפעקטירט דאס אונז גאנץ קנאפ. אמונה, יראת־שמים זענען הערליכע מושגים וואס האבן נאכנישט געהאט אן השפעה אויף אונזער זעל, אבער ווען עפעס גייט נישט ווי עס דארף צו זיין דאן ווענדן מיר זיך צום באשעפער הילפסלאז און דערדריקט. דער בענעפיט וואס מיר געווינען דערמיט איז געוואלדיג ווייל דעמאלטס ווערט דער שויתי ה׳ איינגעקריצט אין אונזער מח. ס׳איז נישט קיין שאלה אז ווען א מענטש איז מתפלל מיט אפנהארציגקייט ברענגט דאס אים צו אנערקענען אין הקדוש ברוך הוא. און היות ס׳איז נישט דא קיין וויכטיגערס אויף דער וועלט ווי יראת־שמים, דערפאר ברענגט א תפילה וואס קומט ארויס מיט בענקעניש א געוואלד פאר אונז.

## אכציג יאר פון תפילות

**די** אלע יארן וואס אברהם און שרה האבן זיך איינגעבעטן פאר א זון האבן זיי מער און מער אנערקענט אין השי״ת, און מער און מער דערגרייכט זייער ציל אויף דער וועלט. ס׳איז מערקווירדיג ווי אזוי דער אויבערשטער האט נישט נאכגעלאזט, ער האט ממשיך געווען צו דריקן אויף זיי מער און מער...

אברהם איז געווען אין זיינע זיבעציגער יארן ווען ער האט זיך געבעטן ביי השי״ת ״השם אלקים מה תתן לי ואנכי הולך ערירי״, ״די אלע גוטס וואס דו ווילסט מיר געבן איז גארנישט ווערד אויב איך בין קינדערלאז״, און גארנישט איז געשען. זיי זענען אנטזאגט געווארן צו האבן קינדער פאר נאך דרייסיג יאר! דאס אלעס ווייל השי״ת האט געוואלט

ארויסבאקומען פון זיי נאך דרייסיג יאר פון תפילות.

הקדוש ברוך הוא האט געדריקט און געדריקט און אברהם און שרה האבן רעאגירט מיט נאך און נאך אנערקענונג. זיי האבן אויסגעגאסן זייער הארץ טאג און נאכט פאר נאך דרייסיג יאר. יעדעס מאל וואס זיי האבן געוויינט האבן זיי מער אנערקענט אין השי״ת. זיי האבן נישט געשפירט אז זיי רעדן צו א וואנט נאר זיי האבן גערעדט צו ״איינעם״ און ווען מען רעדט צו איינעם ווערט מען נענטער און נענטער, אזוי איז דער אייבערשטער געווארן מער מציאות׳דיג און מער איינגעקריצט אין זייער וועזן.

מיר דארפן דא פארשטיין אז אברהם און שרה זענען שוין פון אנהייב אן געווען גרויסע לייט. אברהם איז געווען א שטארקער דענקער וואס די וועלט האט נאר אמאל געזען; ער האט געוואוסט פון באשעפער מער ווי סיי ווען. דער רמב״ם ברענגט (הל׳ ע״ז פ״א, ה״ג) אז אברהם האט אנערקענט אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט דורך אריינקלערן אינעם וועלט באשאף. ער האט שטודירט יעדע זאך ארום אים; יעדע בלום, יעדעס בלעטל, די פלאנצונגען, אלע פרוכט, די חיות, די וואלקענעס, אלעס האט ער געזען אלס א פלאן און ציל אויף דער וועלט. ער האט אנערקענט אז השי״ת האט אנגעפולט די וועלט מיט חכמה כדי צו לערנען דעם מענטש אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

אברהם איז געווען א באזעסענער אינגל מער ווי אנדערע אין זיין יארגאנג. ״בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו״ - ביי די דריי יאר האט אברהם אנערקענט אינעם באשעפער (נדרים ל״ב.), ווען ער איז אונטערגעוואקסן איז ער טיפער באאיינדרוקט געווארן איבער השי״ת׳ס אנוועזענהייט ביז ״בן ארבעים שנה הכיר את בוראו״ - ביי די פערציג יאר האט אברהם אנערקענט אינעם באשעפער (בראשית רבה ל׳ ח׳), דאס מיינט אז ער האט נישט מפסיק געווען פון טראכטן נאר ער האט ממשיך געווען צו שטייגן זיין גאנץ לעבן. דאס קומט אונז צו ווייזן אז השי״ת האט נישט געדארפט אונטערשאטעלן אברהם; ער האט געמאכט געוואלדיגע פארשריט פון זיך אליין, און דאך האט השי״ת געהאט אנדערע פלענער פאר אים, אסאך א בעסערער פלאן.

ס׳איז געגליכן צו א משל פון א מענטש וואס האט א וויין גארטן וואס גיט ארויס גוטע קוואליטעט טרויבן; בלויע טרויבן מיט אינהאלט. ער לייגט עס אריין אין פרעס מאשין, גיט א קוועטש און עס רינט ארויס א ריינער וויין, אבער ער קען נאכנישט אוועקווארפן דעם זאך, ס׳איז א שאד פאר׳ן וויין וואס איז נאך געבליבן אינעווייניג. ער לייגט עס צוריק אריין אינעם פרעס, גיט נאך א קוועטש און עס קומט ארויס נאך אביסל וויין, אבער דאס איז נאכאלץ נישט גענוג פאר אים. ער קען נישט איבערלאזן טייערע וויינען אינעם שאלאכץ, ער לייגט ווידער צוריק דעם זאך אינעם פרעס און לייגט מער דרוק ארויסצובאקומען ביז צום לעצטן טראפ!

השי״ת האט געוואלט ארויספרעסן פון אברהם און שרה אלע זייערע תפילות וואס ער האט נאר געקענט ארויסנעמען פון זיי, ווייל ווי טייערער די טרויבן זענען אלץ מער טייער זענען זייער וויין...

די אלע יארן וואס זיי האבן מתפלל געווען זענען זיי געשטיגן מער וויפיל זיי וואלטן ווען געקענט דערגרייכן מיט זייערע אייגענע כוחות. די מדריגות וואס מען קען צוקומען ווען מען ווענדט זיך צו השי״ת אין ענגשאפט גלייבנדיג אז נאר ער קען געבן פאר דעם מענטש אלעס וואס ער דארף איז עפעס וואס האט נישט קיין גלייכן.

אלס רעזולטאט פון זייער מיטמאכעניש האבן זיי דערגרייכט זייער ציל אויף דער וועלט - זיי האבן אנערקענט אינעם איינציגן באשעפער, דאס איז אן אמונה וואס מ׳קען אנטאפן מיט די הענט, און דאס איז די העכסטע דערגרייכונג צו וואס א מענטש קען צוקומען אין זיין לעבן!

## א פאלק פון טרויבן...

**אויך** מיר זענען גוטע טרויבן, נישט אזא קוואליטעט ווי אברהם און שרה, אבער מיר זענען די בעסטע וואס ס׳איז פארהאן. דערפאר וויל דער אויבערשטער ארויספרעסן פון אונז אן אוצר פון יראת־שמים אז מיר זאלן ערפילן אונזער תפקיד אויף דער וועלט צוליב וועלכן מיר זענען אראפגעקומען.

דער ציל אין לעבן איז נישט בלויז צו עקזיסטירן אויף דער וועלט אזויווי האזלעך און מויקאשלעך עקזיסטירן... דער אויבערשטער ערווארט פון אונז פיל מער פון דעם! בעצם, האבן האזלעך און מויקאשלעך אויך א ציל אויף דער וועלט, זיי קומען גאנץ גוט צוניץ... ווען די מויקאשלעך זענען פארנומען צו באגראבן זייערע ניסלעך מיינען זיי אז זיי גרייטן צו עסן פאר׳ן קומענדיגן פרילינג, אבער למעשה פלאנצן זיי איין נאך דעמב־ביימער, און אסאך פון זיי דערלעבן ניטאמאל אויסצוגראבן די ניסלעך וואס זיי האבן באהאלטן, אבער די ביימער הייבן אן צו שפראצן. אויך האזעלעך זענען וויכטיג, זיי זענען פארנומען צו כאפן פעלד־מויזן אדער צו טון אנדערע נוצליכע זאכן. זיי פארשווענדן נישט זייער לעבן אומזיסט; זיי באשעפטיגן זיך אויסצופירן די פלענער פון הקדוש ברוך הוא.

אבער מיר, עם ישראל קענען נישט לעבן אויף דער וועלט און דערנאך שטארבן אזויווי להבדיל חיות... דער אויבערשטער האט אונז נישט געגעבן לעבן נאר צו פלאנצן ביימער אן מחשבה אזויווי מויקאשלעך. דערפאר וועט ער אונז דריקן דא און דארט ווייל ער ווארט צו הערן פון אונז, ווען עס פאסירט צו אייך א קריזיס זאלט איר וויסן פארוואס דאס געשעט. פארוואס שיקט דאס השי״ת? נישט בלויז אז איר זאלט בודק זיין די מזוזות אדער תפילין אדער מען זאל געבן מער צדקה אודאי זענען די זאכן זייער וויכטיג. דער אויבערשטער וויל איר זאלט האבן כשר׳ע מזוזות און תפילין, ער וויל איר זאלט געבן צדקה. אבער מער פון

אלעם באגערט ער אז איר זאלט אויסשרייען צו אים. נישט איינמאל און נישט א צווייטע מאל נאר ווידער און ווידעראמאל זאלט איר אויסשרייען פון טיפן הארצן. דאס וועט זיין א דערגרייכונג וואס דער אויבערשטער ערווארט פון אייך.

און אויב ס׳וועט זיך מאכן אז אייערע בקשות וועלן ערפילט ווערן און איר וועט אויסגעלייזט ווערן פון אלע צרות, איר הייבט אן א לעבן פונדאסניי, א לעבן מיט הרחבה און שלוות־הנפש זאלט איר נישט מיינען אז יעצט האט איר שוין דערגרייכט אייער ציל אין לעבן, ניין - אייער סוקסעס האט איר עררייכט בשעת דער צרה ווען איר האט אויסגעשריגן צו השי״ת.

מ׳קען פרעגן, פארוואס דארף השי״ת אז מען זאל מצליח זיין אין לעבן אויף אזא אופן? פארוואס זאל ער אונז נישט געבן אנדערע אויסוועגן וואס זענען גרינגער און פרייליכער? ס׳איז וויכטיג צו באטאנען אז דער דרוק פון אויסקוועטשן די טרויבן איז א קליינע תוצאה פון דעם מענטשנ׳ס מעשים, מיר פארברענגען רוב פון אונזער לעבן פרייליכערהייט, רוב פון אונזערע טעג גייען פארביי אן קיין קאפ שמערצן, פיין אדער יסורים, רוב פון אייערע טעג קענט איר גוט פונקציאנירן. אייער קערפער טוט פיין ארבעטן. א גרויס חלק פון דער מענטשהייט באקומט א געלעגנהייט צו אנערקענען אין השי״ת דורך פרייליכע אומשטענדן, מיר קענען אויסשרייען צום באשעפער אויף א גוטן אופן אבער ליידער טוען מיר עס דאס נישט. ווער׳ס שולד איז דאס?!

ווען די טרויבן געבן נישט ארויס זייער וויין גרינגערהייט דארף מען קוועטשן דערויף. אפילו גוטע מענטשן דארף מען צומאל קוועטשן דורכדעם. כ׳וויל נישט זאגן אז ס׳איז א שאד ווייל ס׳איז נישט קיין שאד, ס׳איז טאקע א צער און אן עגמת־נפש אבער למעשה ברענגט דאס זיי צו שטייגן אין אמונה. דאס איז דער באדייט פון די ווערטער ״הקב״ה מתאוה לתפלתן של צדיקים״.

אזוי טוט אונז דער אויבערשטער קוועטשן מיט כל מיני דערדריקונגען. איין דרוק קען זיין שוועריגקייטן מיט פרנסה, אן אנדער דרוק קען זיין צער גידול בנים אדער פראבלעמען צו האבן קינדער ח״ו. אסאך מענטשן דארפן א שידוך, אנדערע וואוינען אין ענגע דירות און ווען מ׳שרייט אויס צו השי״ת קומען ארויס ״גוטע וויינען״ פון יראת־שמים וואס טריפן ארויס פון די גוטע טרויבן פון אונזער נשמה. ווען אייער הארץ איז צעריסן פון עגמת־נפש און איר ווענדט זיך צו השי״ת פאר הילף איז דאס א געוואלדיגע דערגרייכונג. ווען איר וויינט זיך אויס פון טיפן הארצן מיט תפילה צו השי״ת איז דאס דער גוטער וויין וואס השי״ת וויל פון אייך. צומאל וועט ער אייך קוועטשן נאכאמאל און נאכאמאל און די גוטע טרויבן וועלן ווידער פארזעצן ארויסצוגעבן גוטע וויינען.

ווען א מענטש האט צרות זאל ער פארשטיין אז דאס איז א גוטע זאך, נישט קיין

חילוק וואס עס געשעט ווען די רעזולטאטן זיין געוואונטשן; ס׳איז נישטא קיין בעסערער רעזולטאט ווי דערגרייכן ראשית־חכמה!

עפענט אייער מויל. דער אויבערשטער זאגט ״הרחב פיך״ (תהילים פ״א, י״א), ״עפענט אייער מויל ברייט״ מיינט נישט נאר פאר גרויסע זאכן, נאר פאר יעדער קלייניגקייט. ״עפענט אייער מויל ברייט״ מיינט נישט פאר דעם פריזער פאר אייזקרעם... עפענט אייער מויל פאר תפילה.

ווען אימער עפעס גייט אייך נישט געשמירט ווייסט איר שוין די סיבה דערפאר און איר ווייסט אז דאס איז פאר אייער טובה וועגן, אז איר זאלט מתפלל זיין אבער נישט א תפילה פון געוואוינהייט, אויב אייערע איינציגע תפילות וואס איר זאגט זענען די דריי תפילות פון טאג זענט איר אויף צרות. מיר רעדן דא פון תפילות וואס ווערן ארויסגעקוועטשט פון טיפן הארצן אזוי ווי די שווערע וואג פונעם פרעס וואס קומט אראפ אויף די טרויבן.

די אידן זענען באוואוסט פאר גוטע דאווענערס מער ווי סיי וועמען. אויב דאס דאווענען איז פארשלאפן איז דאס א תוצאה ווייל אידישקייט איז פארשלאפן. א גרויס חלק פון אונזער לעבן ווערט פארשווענדעט ארויסמורמלענדיג ווערטער... ס׳איז א טראגעדיע ארויס פון אלע גרעניצן. די וואס האבן בייגעוואוינט א דאווענען אין די אמאליגע שולן - אפילו אין אמעריקע, האבן געזען וואס דאס מיינט א דאווענען. ס׳איז געווען יללות און כליפערייען.

די מאדערנע אידן פארשטייען דאס נישט. ס׳איז געווען אמאל א משולח וואס איז געבליבן שטעקן אין דייטשלאנד איבער ראש השנה. ער איז געווען פון פוילן און ער האט געדאווענט אזוי ווי ער איז געווען צוגעוואוינט פונדערהיים. ער האט געכליפעט און געוויינט מיט יללות.

דער גבאי איז צוגעקומען צו אים ״מאכען זי קיין סקאנדאלע...״ ער האט נישט פארשטאנען צו א אידישע תפילה. א איד איז מתפלל ווייל ער גלייבט אין הקב״ה. ער וויינט און בעט זיך בתחנונים ביים גרויסן קעניג און ווי מער ער בעט אלץ מער גלייבט ער אין אים.

אויב פאלט אייך ביי א שידוך און איר ווילט קלינגען דעם שדכן, זאלט איר קודם קלינגען צו השי״ת... בעטס פון אים אז דאס זאל זיין דער ריכטיגער זיווג. ער זאל אייך געבן הצלחה אין אייער וועג.

ווען איר הייבט אן א נייע מסכתא אדער פרק זאלט איר זיך נישט איינרעדן אז איר זענט א בעל כשרון, איר זאלט זיך נישט פארלאזן אויף אייער כוחי ועוצם ידי, אז איר האט גוטע חברותות און טאלאנטן וועט איר שוין מצליח זיין. דאס איז אלץ כח בשר־ודם, איידער איר הייבט אן צו לערנען זאלט איר בעטן א תפילה, ״יהי רצון מלפניך רבונו של עולם שתצליחני

במסכתא זו, פרק זו״ - עס זאל זיין דער ווילן פון דיר, האר פון דער וועלט, אז דו זאלסט אונז געבן הצלחה אין דער מסכתא, אין דעם פרק.

גרעסערע לייט ווי אייך מיט גרעסערע קעפ ווי אייך פלעגן כסדר בעטן פון השי״ת פאר הילף, אפילו אינמיטן לערנען. רבי יהושע לייב דיסקין זצ״ל פלעגט מתפלל זיין יעדעס מאל עס איז אים אונטערגעקומען א שוועריגקייט ביים לערנען. פאר ער האט אנגעהויבן א סוגיא האט ער מתפלל געווען. פארשטייט זיך אז מען קען נישט מאכן תפילות בעפאר יעדע שורה אבער מ׳קען בעטן פאר הילף הונדערטער מאל א טאג נישט קיין חילוק וויפיל איר זענט מתפלל איז עס קיינמאל נישט צופיל. ווייל מען דארף השי״ת׳ס הילף מער ווי איר קענט זיך פארשטעלן. ווען א פרוי שטעלט זיך אוועק באקן א קעיק זאל זי מתפלל זיין אז דאס געבעקס זאל געלונגען. אסאך זאכן קענען גיין קאפויער ווען מען באקט א קעיק.

ווען א מענטש לאזט זיך ארויס אויף א נסיעה זאגט ער תפילת־הדרך. דאס איז געווען אין די אלטע גוטע צייטן ווען די סכנה האט זיך ערשט אנגעהויבן ווען מען איז ארויס פון שטאט, אבער היינט ווען די סכנה הייבט זיך שוין אן ווי נאר איר גייט ארויס פון הויז, זאלט איר מתפלל זיין יעדעס מאל איר זעצט זיך אריין אין קאר און אפילו איר גייט אן א קאר... ווען איר גייט אין גאס זאלט איר מתפלל זיין אן א ברכה, איר קענט מאכן א תפילה אז איר זאלט דערגרייכן אייער דעסטינאציע בשלום.

ווען איר דארפט דורכגיין א פארהער זאלט איר זיך נישט שעמען צו בעטן פון השי״ת וואס הערט זיך צו צו דיר.

ווען איר האט א שניט אין האנט זאלט איר אים דערקוטשען, זייט נישט אזוי רואיג מיט די באנדאזשן און שמירעכצער נאר זאגט א תפילה, ״יהי רצון מלפניך רבונו של עולם שיהא עסק זה לי לרפואה״. ווייזט אים אז איר פארלאזט זיך נישט אויף כעמיקאלן. איר מעגט דאס ניצן, אבער קודם אויסשרייען צו אים.

דאס איז דער ריכטיגער וועג פון לעבן וואס ברענגט הצלחה. ווען איר גייט קויפן א קאר, הויז, פרידשידער אדער סיי וואס זאלט איר קודם מתפלל זיין, ״רבונו של עולם העלף אז איך זאל נישט מאכן קיין טעותים, פיר מיך אויפ׳ן ריכטיגן וועג איך זאל מצליח זיין״. איר זאלט מטריח זיין השי״ת אין אלע הינזיכטן פון אייער לעבן, ווייל דאס איז וואס ער וויל. ווי מער איר וועט אים באדערן אלץ מער וועט איר זיין באליבט ביי אים...

## א ניין פאר אן ענטפער איז אויך גוט

**צומאל** קען זיין אז מען שרייט אויס צו השי״ת און ער ענטפערט נישט. א מענטש האט מיר אנגעקלונגען זיך אפרעדן אז ער האט שוין אזויפיל געוויינט און מתפלל געווען און ער באקומט א ״ניין״ פאר אן ענטפער. יעצט וויל ער וויסן וואס ער דארף טראכטן? ער דארף טראכטן אז השי״ת וויל אז ער זאל נאכמער מתפלל זיין. דאס וואס ס׳קומט פאר, אהער אדער אהין מאכט נישט

צופיל אויס, דער עיקר איז אז ער האט געערדט צום באשעפער האט ער שוין דערגרייכט זיין תפקיד אין לעבן.

נעמט א ביישפיל פון א מענטש אויף זיין קראנקן בעט, ער איז 119 יאר צום גוטן, ער קען נישט ערווארטן צו לעבן נאך לאנגע יארן, אבער פונדעסטוועגן שרייט ער אויס, "אוי באשעפער, הייל מיך!" און ווען ער נעמט זיין לעצטן אטעם זאלט איר נישט מיינען אז ער האט גארנישט אויפגעטון מיט זיין תפילה. מען זאל וויסן אז ער האט אסאך אויפגעטון, ס'קען גאר זיין אז ער האט מער דערגרייכט אין זיינע לעצטע מינוטן ווי אין זיין גאנצן לעבן. פאר קיינעם זאל זיך נישט דאכטן אז מען האט גארנישט אויפגעטון מיט תפילה ווייל מען האט דערגרייכט צו אנערקענען אינעם איינציגן באשעפער.

ווען אברהם און שרה האבן ענדליך זוכה געווען צו געבוירן א קינד בין איך זיכער אז ס'איז געווען א גרויסער מזל טוב! כ'גלייב אז ס'איז געווען א געוואלדיגע שמחה. אבער איז דאס געווען זייער הצלחה פאר זייער לעבן? ניין, זייער הצלחה איז שוין געווען פריער ווען זיי האבן נישט געהאט קיין שום הרגשה פון הצלחה. די לאנגווייליגע יארן ווען זיי זענען געווען אונטער דרוק און עגמת־נפש מורא האבנדיג אז זייער תורה און מסורה וועט גיין שלאפן צוזאמען מיט זייער טויט. די שווערע טעג ווען זיי האבן אויסגעשריגן צו השי"ת דארט איז געלעגן זייער הצלחה. יעצט ווען זיי האבן שוין דערגרייכט זייערע מדריגות זענען זיי שוין ווערד צו זיין די פאטערס פון עם ישראל.

מיר האבן געלערנט דא אז א איד דארף לעבן מיט אמונה, דער ראשית־חכמה. ווען א מענטש איז באוואוסטזיניג אין באשעפער ליידט ער נישט זיינע צרות ווי א שטיין אדער בוים, נאר ער ניצט זיין הארץ און נשמה צו דאווענען צום באשעפער און דורכדעם דערגרייכט ער זיין ציל. הייבט שוין אן מיט דעם, דאס זאל זיין אייער פראגראם פארן טאג, זיך צו דערנענטערן צו השי"ת, קרוב השם לכל קוראיו. דאס איז די הצלחה וואס דער מענטש דארף דערגרייכן אויף דער וועלט!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן ארייַנצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא״וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ״ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbosgmail.com

*ליינט די גליון יעדע*
*וואך אין די קונטרס*
*״גליונות לשב״ק״,*



# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## פארוועמען זאל מען ערוועלן פאר פרעזידענט?

## תשובה:

מ'דארף וויסן אז אמעריקע היינט איז אין א גרויסע סכנה, זאלסט נישט זאגן אז ס'איז א זאך וואס מ'זאגט אלעמאל, ניין ס'איז נישט אלעמאל אזוי געווען, היינט צו טאגס לערנט מען אויס אין די קאלעזשעס א קעגנערישע שטעלונג, די אינגווארג ווערן געלערנט צו פיינט האבן אמעריקע, צו פיינט האבן אויטאריטעט, צו פיינט האבן פאליציי, צו פיינט האבן יעדע זאך וואס איז געזעץ, און זיך קריגן מיט יעדע זאך וואס איז געזעץ, זיי ווייסן ניטאמאל וואס דאס מיינט, זיי ווייסן נישט וואס זיי רעדן אבער יעדע זאך פון אויטאריטעט ווילן זיי פיינט האבן.

דערפאר אויב מיר קענען באקומען איינער וואס איז א פאראנטפארטליכער מענטש, אפילו ער איז אביסל קאנסערוואטיוו וואס פרובירט זיך אנצונעמען פאר די פאמיליע לעבן, וואס קריגן זיך קעגן דעם חורבן פון מאראלישקייט, דעם איז וועמען מיר ווילן ערוועלן.

איך מוז אייך זאגן אז די קאנסערוואטיוון זענען ווייט מער ליבעראל ווי די ליבעראלן פון דרייסיג יאר צוריק, דערפאר היינט צו טאגס איז נישט דא אזא זאך ווי צופיל קאנסערוואטיזם. מיר דארפן ערוועלן א קאנסערוואטיווער קאנדידאט. אפילו אויב מיר האלטן נישט אינגאנצן ווי אים, איז נאך אלץ דא פון וואס צו רעדן. אויב ער רעדט כאטשיג די ריכטיגע ווערטער איז עס דער מענטש וועמען מיר דארפן ערוועלן.

מיר זענען אין א גרויסע סכנה אין אמעריקע, מיינט נישט אז אמעריקע וועט אייביג שטיין, אמעריקע איז נאר א שיידוועג, מיר דארפן נאר העלפן די מערסטע וואס מיר קענען.

נדבת השבוע

זכות השבוע נתנדב
ע"י הר"ר ליפא ברמ"א פרידמאן הי"ו
וע"י הרוצה בעילום שמו
זכות הרבים יעמוד להם להתברך בכל מידי דמיטב

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה